ווי אַ קליין קינד, דער וועט בשום אופן נישט
16 אַרייַנגיין דערין! און האָט זיי גענומען אויף זײַנע
אָרעמס, און געבענטשט, אַרויפֿלייגנדיק די הענט
אויף זיי.
17 און בעת ער איז אַרויסגעגאַנגען אויפֿן וועג, איז
אים איינער אַקעגנגעלאָפֿן, און איז אַנידערגעפֿאַלן
פֿאַר אים אויף די קני, און האָט אים געפֿרעגט:
רבי גוטער, וואָס זאָל איך טון, כדי איך זאָל
18 ירשענען אייביק לעבן? און ישוע האָט צו אים
געזאָגט: וואָס רופֿסטו מיך גוטער? קיינער איז
19 נישט גוט, אַ חוץ ג־ט אַליין! די געבאָטן קענסטו:
דו זאָלסט נישט מאָרדן! דו זאָלסט נישט נואפֿן!
דו זאָלסט נישט גנבֿענען! דו זאָלסט נישט פֿאַלש־
עדות זאָגן! דו זאָלסט נישט באַטריגן! דו זאָלסט
אָפּגעבן כבוד דײַן פֿאָטער און דײַן מוטער!
20 (שמות כ, יב־טז) און ער האָט צו אים געזאָגט:
רבי, אַלע די דאָזיקע האָב איך אָפּגעהיטן פֿון
21 מײַן יוגנט אָן. און ישוע האָט אויף אים אַ בליק
געטון און אים ליב געקריגן, און געזאָגט צו
אים: איין זאַך פֿעלט דיר; גיי, פֿאַרקויף אַלץ,
וואָס דו האָסט, און גיב עס צו די אָרעמע לייט, און
דו וועסט האָבן אַן אוצר אין הימל; און קום, און
22 פֿאָלג מיר נאָך! ער אָבער איז אומעטיק געוואָרן
איבער דעם וואָרט, און איז אַוועקגעגאַנגען
אַ טרויעריקער, וואָרום ער האָט געהאַט אַ גרויס
פֿאַרמעגן.
23 און ישוע האָט זיך אַרומגעקוקט, און זאָגט צו
זײַנע תּלמידים: אָ, ווי שווער עס איז פֿאַר די,
וואָס האָבן עשירות אַרײַנצוקומען אין דעם
24 קעניגרייך פֿון ג־ט! און די תּלמידים זענען
דערשטוינט געוואָרן איבער זײַנע ווערטער. ישוע